בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חקת

ט' תמוז תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:32 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:16 | סוז"ת א' 9:45 |
| סוזק"ש ב' 9:08 | סוז"ת ב' 10:20 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קמ"א

שנה ג'

## טיב הפרשה

# די תכלית פון א צרה משעבד צו זיין לבו לשמים

## והיה כל הנשוך וראה אותו וחי

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די פרשה פון די ברענענדיגע שלענג וואס איז געקומען צו כלל ישראל, און די עצה וואס הקב"ה האט געהייסן פאר משה רבינו אז מען זאל אויפהענגען קופערנע שלענג אין די מדבר און דורך זיי וועט מען געהיילט ווערן.

עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל וואס רש"י ברענגט אראפ אין די פרשה: וכי נחש ממית או מחיה? נאר, פירט אויס רש"י, אז ווען כלל ישראל האט געקוקט אויף די נחש האבן זיי זיך דערמאנט פון הקב"ה, און ווי עס איז דער לשון פון רש"י: אמרו רבותינו וכי נחש ממית או מחיה, אלא בזמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתרפאים ואם לאו היו נמוקים.

אז מען איז זיך מתבונן אין דער מאמר חז"ל, קען מען ארויסלערנען א שטארקער יסוד אויף די היינטיגע וועלט. עס איז זייער מצוי היינטיגע צייטן, אז אויב עס געשעט עפעס צו א איד וועט ער גלייך זוכן א סגולה, ווי אפצושפרעכן אן עין הרע אדער אנדערע סגולות האפענדיג אז דאס וועט אים ארויסנעמען פון א דבר צרה.

אז מען קוקט אריין בפשטות אין די פרשה, קען עס אויסזען ווי אויך דער אויפהענגען א נחש אין די מדבר און קוקן אויף איר איז געווען א סגולה וואס הקב"ה האט געגעבן פאר'ן כלל ישראל, אבער חז"ל זענען אונז מגלה אז ניין - אז די כוונה פון דער קופערנע נחש איז נישט א פארהוילענע סארט סגולה אז מען זאל קוקן אויף די נחש און זיך היילן דורך איר - נאר עס ליגט אין איר די כוונה - אז מען זאל דערוועקן דאס הארץ לאבינו שבשמים און זיך דערמאנען פון אים און געדענקען אז ער פאדערט פון אונז עפעס און תשובה טון און זיך דערנענטערן צו אים.

דאס דארף זיין א לימוד פאר אונז, אז ווען עפעס באטרעפט אונז חלילה, אפילו אז עס איז גוט אז מען איז עוסק מיט סגולות און עס איז דא געוויסע סגולות וואס זענען מקובל פון פריערדיגע, אבער מען זאל געדענקען דער עיקר פון די זאך און דאס איז אז די צרה איז געקומען מיט איין ציל, צו דערוועקן דעם מענטש צו תשובה און צו מעשים טובים און צו קרבת אלוקים,

ווי די גמרא זאגט אין שבת [דף נה

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### סַם חַיִּים

מען דערציילט בְּדֶרֶךְ הֲלָצָה, אז איינמאל האט א מַגִּיד מֵישָׁרִים געלאזט וויסן פאר זיינע צוהערער, אז ער וויל אויפהערן לאזן הערן דרשות, וויבאלד ער זעט נישט דערין קיין שום תועלת, זעענדיג אז קיינער פירט נישט זיינע ווערטער אויף למעשה. האט אים איינער פון די צוהערער געזאגט: זאג נישט אזוי, ממש לעצטנס האב איך געהערט ביי דיין דרשה, אז צו לערנען א בלאט גמרא פארן דאווענען איז א גרויסן תענוג, און עס אזוי ווי א קאלטע גלעזל סאדע שבת נאכן עסן טשאלענט – פון דעמאלטס און ווייטער, בין איך מקפיד יעדן שבת צו טרינקען א גלעזל סאדע נאכן טשאלענט...

אין די פרשה פון די וואך זעען מיר ביי די פעלקער פון די וועלט, אז ווען די אידן האבן געוואלט דורכגיין דורכן לאנד פון די קינדער פון אֱדוֹם, האט משה געשיקט שלוחים צום אדומ'ישן קעניג, כדי אים איבערצורעדן אז ער זאל מסכים זיין זיי אדורכצולאזן זיין לאנד. די שלוחים דערציילן אים איבער אלע מיטמאכענישן וואס די אידן האבן מיטגעמאכט ביז דעמאלטס, און ווי מיר האבן געשריגן צו אונזער באשעפער און ער האט צוגעהערט אונזערע תפילות, מכח די ברכה וואס יצחק האט געבענטשט יעקב 'הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב' (בראשית כז, כב).

די כוונה פון משה איז געווען, צו ווייך־מאכן די הארץ פון מֶלֶךְ אֱדוֹם, און אים אנווארענען אז ער זאל וויסן אז אויב ער וועט אונז מאכן שוועריגקייטן, האבן מיר די מעגליכקייט צו דאווענען צו השי"ת און ער וועט נקמה נעמען פאר אונז פון אדום.

אבער דער אויבער־חכם, אנשטאט זיך צו לאזן בעטן, האט ער געשיקט זאגן צו משה רבינו: 'לֹא תַעֲבֹר בִּי פֶּן בַּחֶרֶב אֵצֵא לִקְרָאתֶךָ' (במדבר כ, יח) און רש"י איז מפרש: אַתֶּם מִתְגָּאִים בְּקוֹל שֶׁהוֹרִישְׁכֶם אֲבִיכֶם, אֲמַרְתֶּם 'וַנִּצְעַק אֶל ה' וַיִּשְׁמַע קֹלֵנוּ' (במדבר כ, טז), וַאֲנִי אֵצֵא עֲלֵיכֶם בְּמַה שֶּׁהוֹרִישַׁנִי אָבִי 'וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה' (בראשית כז, מ).

אט דאס איז א פירונג וואס איז פאסיג פאר א גוי, אז אנשטאט צו ארויסנעמען מוסר און זיך מעורר זיין מורא צו האבן פונעם אויבערשטן, האט ער זיך געלערנט דאס וואס ער האט זיך געוואלט לערנען. דאס וואס די אידן האבן אים געזאגט, איז אריינגעגאנגען ביי אים פון איין אויער און איז ארויס פונם עצווייטן אויער, אבער אין דער זעלבער צייט האט ער פארשטאנען אז אויך ער האט יעצט א געלעגנהייט זיך צו רייצן אין די אידן.

און דאס איז פאר אונז א געוואלדיגער לימוד, אז ווען עס שטייט א **גַּבְרָא רַבָּא** און איז מעורר אידישע קינדער זיך צו שטארקן אין תורה און אין מצוות, ליגט אויף אונז א פליכט אים גוט אויסצוהערן, און לאזן די מוסר רייד אריינדרינגען אין די טיפענישן פון אונזערע הערצער, און זיך נישט פירן אזוי ווי יענער גוי וואס די מוסר רייד האט אים נישט אנגערירט אפילו אויף א האר, און ער האט עס נאר גענומען אויף צו ווערן נאך מער בייזווייליג.

און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין, אז די תורה זאל זיין פאר אונז א סַם חַיִּים, א געווירץ פון לעבן, און נישט פארקערט, חס וחלילה.

(עפ"י טיב התורה – חקת)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ע"א] אין יסורין בלא חטא, און זיך נישט זוכן ארויסצודרייען פון די ריכטיגע נקודה און עס אנהעגנגען אין זייטיגע זאכן אדער שנעלע ווירקזאמע וועגן און אויסלאזן די עיקר ציל פון די סיבה פארוואס די צרה איז געקומען צוגיין אויפ'ן מענטש.

מען דערציילט אויפ'ן חפץ חיים אז ווען עס האט זיך געטראפן א מחלה אדער א מיחוש ביי אים אדער ביי די בני המשפחה איז ער נישט געלאפן גלייך צום דאקטאר, נאר איידער ער איז געגאנגען צום דאקטאר פלעגט ער זיך איינשפארן אין א צימער און האט זיך דארט מתבודד געווען א שטיק צייט, און נאר נאך דעם וואס עס איז אריבער א שטיק צייט און ער האט געמאכט א חשבון הנפש און מתפלל געווען אויף די צרה איז ער געגאנגען צום דאקטאר.

בעצם איז דאס א בפירוש'ע גמרא אין מסכתא ברכות [דף ה' ע"א] אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו - אויב א מענטש זעט אז עס קומט אויף אים יסורים זאל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים.

די גמרא איז ממשיך דארט אז אויב ער האט מפשפש געווען און נישט געטראפן אין וואס עס אנצוהענגען זאל ער עס תולה זיין אין ביטול תורה, אבער דאס איז זיכער אז מען דארף מפשפש זיין אין די מעשים.

עס איז דא דרגות אין מפשפש זיין אין די מעשים. עס איז דא אזאנע וואס דארפן נישט צו לאנג מפשפש זיין און טרעפן גלייך. דאגעגן איז דא אזעלכע וואס דארפן מער מפשפש זיין ביז זיי טרעפן, אבער דער צד השוה איז אז יעדער זאל זוכן ווייל דאס איז די מטרה פון יסורים.

אן עצה טובה פאר איינער וואס מוטשעט זיך צו טרעפן א נקודה איז אז ער זאל עפענען א קיצור שלחן ערוך און אריבערגיין בלאט נאך בלאט און זען צי ער איז מקיים יעדע זאך כדבעי מיט אלע מפרשים, אבער מען דארף עס טון ווייל דאס איז די תכלית פון יסורים וואס קומט אויף א מענטש, און אזוי לאנג ווי מען וועט נישט דערגרייכן די מטרה - קען חלילה זיין אז די יסורים זאל נישט אוועקגיין חלילה וחס.

עס איז באקאנט די ווערטער פון די גמרא אין ערכין [דף טז ע"ב] איבער די גרעניץ פון די יסורים, אז אפילו עס איז א קלייניגקייט ווי עס איז דער לשון הגמרא דארט: עד היכן תכלית יסורין, אמר רבי אלעזר כל שארגו לו בגד ללבוש ואין מתקבל עליו, מתקיף לה רבא זעירא ואיתימא רבי שמואל בר נחמני גדולה מזו אמרו אפילו נתכוונו למזוג בחמין ומזגו לו בצונן בצונן ומזגו לו בחמין וכו', מר בריה דרבינא אמר אפילו נהפך לו חלוקו, רבא ואיתימא רב חסדא ואיתימא רבי יצחק ואמרי לה במתניתא תנא: אפילו הושיט ידו לכיס ליטול שלש ועלו בידו שתים, ע"כ.

חז"ל זאגן אז אפילו קליינע קלייניגקייטן הייסט אויך יסורים.

די מטרה פון חז"ל מיט די גמרא איז לויט ווי דער בעשטה"ק זאגט, אז ווי געשמועסט איז דער ציל פון יסורים אז דער איד זאל זיך דערוועקן צו תשובה, אבער אזוי ווי דער ציל איז בלויז דער זיך דערוועקן האט א איד די ברירה אז ער זאל זיך אויפוועקן ווען די יסורים איז נאך זייער קליין און ווייניג, און וועגן דעם רעכענען חז"ל אויס די דערמאנטע ביישפילן צו לאזן הערן פאר'ן איד אז אויך דאס איז יסורים און ער זאל זיך דערוועקן ווען ער שפירט זיי.

אבער אויב דערוועקט ער זיך נישט וועט הקב"ה מוזן ברענגען גרעסערע אז ער זאל זיך דערוועקן פון איר, אבער אז מ'האט שכל פארמיידט מען עס געוווג פרי.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו קענען דינען הקב"ה מתוך הרחבת הדעת און ניצול ווערן פון אלע סארט מכאובים און ווייטאגן.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א באשערטע כיבוד - קוואט אייביג און!

ווען מיין שוואגער האט מיר דערציילט איבער די גוטע נייעס אז עס איז ממש יעצט געבוירן געווארן ביי אים א פרישער אינגל אייניקל, איז צו מיין שמחה נישט געווען קיין גרעניץ.

מיין שוואגער - מיטוועמען איך לעב זייער גוט - האט מיר איינגעלאדענט צו די ברית און געזאגט אז ער וויל אז איך זאל באקומען איינס פון די חשוב'ע כיבודים, אבער ליידער האב איך עס געמוזט אפזאגן.

מיט א שטיק צייט פריער איז מיין פרוי און די פרישע יולדת געווען פארמישט אין א שווערע און א פארפלאנטערע ארבעט סכסוך, און די געמיטער צווישן דיביידע איז געבליבן אפגעפרעמדעט און אנגעצויגן.

"איך וועל קומען צו די ברית בס"ד, אבער א כיבוד קען איך נישט נעמען ווייל...".

מיין שוואגער האט מיטגעהאלטן די קריגעריי און עס פארשטאנען. די אנגעצויגנקייט האט אים געשטערט, אבער ער האט עס אנגענומען, און נאך דעם וואס איך האב אים אפגעזאגט האט ער איבערגעגעבן דעם כיבוד פאר א צווייטן.

איבערדערציילנדיג די געשעעניש פאר מיין בני בית איז ארויפגעקומען אויפ'ן טיש די געשפרעך דערוועגן, און איך האב איידעלערהייט פארגעשלאגן אז אפשר יעצט איז א ראטזאמע צייט צו ענדיגן די סכסוך.

"ווייסט דאך בזמן שמחה - גיי איר באזוכן....".

מיין פרוי האט געטראכט דערוועגן, און א טאג דערויף האט זי עס אנגענומען. זי האט פארקוקט אויף די אומאנגענעמקייט און איז אריבער ווינטשן פאר די יולדת מזל טוב.

געווי ווי זי האט זיך געראכטן איז דער מזל טוב ווינשטעריי געווען א שעת הכושר, און די אייז האט זיך געבראכן און מען האט אנגעהויבן רעדן וועגן די אלטע פרשה. ווי עס געשעט אייביג אין אזעלכע פעלער איז דער באלאן גרעסער ווי די זאך אליין, און ווען מען רעדט זיך צונויף ווערט מען געוואויר אסאך זאכן וואס מ'האט נישט געוואוסט ביז יעצט, און מען האט שלום געמאכט.

נישט נאר האט מען שלום געמאכט, נאר מען איז ארויס פון די באגעגעניש ווי אלטע גוטע חבר'טעס.

יעצט אז מען האט שוין געלעבט גוט, האט מיין שוואגער געטראכט אז יעצט קען ער מיר יא געבן די כיבוד, אבער אז ער האט שוין געהאט מכבד געווען א צווייטן האב איך עס נישט געוואלט נעמען.

איך בין געקומען צו די ברית מיטצוהאלטן די שמחה פון מיין שוואגער. מען האט אנגעהויבן דער 'ברית', און דער איד וועמען מען האט מכבד געווען מיט די כיבוד איז נישט געווען דארט.

עס איז געווארן שפעט, מען האט שוין נישט געקענט ווארטן.

זעענדיג אז קיין איינער איז נישט דארט האט מען מיר מכבד געווען מיט דער כיבוד.

א מינוט נאך דעם וואס די ברית האט זיך געענדיגט, איז דער איד געקומען צוגיין מיט געאיילטע טריט, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינער האט אים אויפגעהאלטן דארט.

ער האט געהערט אז די ברית איז שוין געווען און עס אנגענומען באהבה, אבער מיר האבן געזען אין דעם א סייעתא דשמיא אז דער כיבוד וואס איז געווען באשערט פאר אונז איז אנגעקומען צו אונז.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ש.א.ק.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# מִלְחֶמֶת ה' – מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר

**"עַל כֵּן יֵאָמַר בְּסֵפֶר מִלְחֲמֹת ה' אֶת וָהֵב בְּסוּפָה וגו'"** כא, יד

די מפרשים פלאגן זיך צו פארענטפערן וואס איז דאס דער "סֵפֶר מִלְחֲמוֹת ה'"? – **רש"י** איז מפרש אז דאזס איז א לשון פון 'סיפור', דערציילונג: "כְּשֶׁמְּסַפְּרִים נִסִּים שֶׁנַּעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ יְסַפְּרוּ אֶת וָהֵב וגו'", און אזוי זעט אויך אויס איז געווען דַּעְתּוֹ הַקְּדוֹשָׁה פון **רבינו עובדיה ספורנו ז"ל**. טייל זענען מפרש אז דאס איז דער **ספר תורה**, זע **אלשיך הקדוש** און נאך, [זע אויך **אבן עזרא**, **רמב"ן** און **חזקוני**].

פון די אנדערע זייט, איז דער **אור החיים הקדוש זצוק"ל זי"ע** (יומא דהילולא קומענדיגע ערב שב"ק **ט"ו תמוז**) מפרש דער פסוק כפשוטו, אנטפלעקנדיג פאר אונז א וואונדערליכער סוד מִכִּבְשׁוֹנוֹ **שֶׁל עוֹלָם**, אז אויבן אין הימל איז דא פארן אויבערשטן א ספעציעלן ספר וואו עס ווערן פארשריבן אלע **"מלחמות ה'"**, ווייל דער תכלית פון אלע מלחמות אויף דער וועלט איז פאר די טובה פון כלל ישראל, וועלכע זענען אנגעגרייט צו ירש'נען פון די פעלקער, אזוי ווי דער אויבערשטער האט צוגעזאגט צו די אבות, זע דארט.

און די ספרים הקדושים זענען מרמז, אז אוודאי ווערן אויך אויפגעשריבן אין אט דעם הימלישן ספר, אויך אלע 'מִלְחֲמוֹת ה'' וואס אידישע קינדער פירן אן אינעם **מלחמת היצר**, וואס דאס איז גרעסער ווי אלע מלחמות אינאיינעם, אזוי ווי דער הייליגער **חובת הלבבות** שרייבט (שער ה' פ"ה) און אלע שווערע מלחמות וואס דער מענטש קעמפפט און שטארקט זיך קעגן זיין יצר הרע, גייען אלע ארויף אויבן, און ווערן פארשריבן מיט פייער אינעם ספר **"מִלְחֲמֹת ה'"** וועלכער איז אפן פארן כסא הכבוד.

נאכמער דערפון האט דער הייליגער **רבי ר' ירחמיאל** זון פון דער **יהודי הק' מפשיסחא זצוק"ל** געזאגט (תורת הרבי ר' ירחמיאל דף פה), אז אויך אויב איז דער מענטש חלילה געשטרויכלט געווארן און איז אריינגעפאלן אינעם נעץ פונעם יצר, ווערט נאך אלץ פארשריבן אינעם ספר **'מלחמות ה''** אלע מלחמות און פאַרמעסטן וואס ער האט געקעמפפט און זיך געפלאנטערט מיטן יצר ביז ער איז דורכגעפאלן. ווייל אין מערסטנס פעלער טוט דער מענטש חלילה נישט לויפן דירעקט צו זיין דורכפאל, נאר ער פראבירט און ער שלאגט זיך אין אנהייב, ליידנדיג שווערע און ביטערע נסיונות פון די איינרעדענישן פונעם יצר וואס יאגט אים נאך ביטערליך, ביז ער איז עס מער נישט בייגעשטאנען און איז נכשל געווארן און געזינדיגט רח"ל. – ער וועט אבער צוליב דעם נישט דערלייגן אלע מלחמות וואס ער האט געקעמפפט און אוועקגעשטופט דעם יצר ביז ער איז דורכגעפאלן, און ער איז אנגעגרייט צו באקומען זיין פולן שכר פאר אט די מלחמות, און זיי וועלן אים נאך אויך ענדליך צוריקברענגען בתשובה שלימה, ווען עס וועט קומען זייער צייט צו ווערן פארגעליינט פאר השי"ת אינעם הימלישן ספר **"מלחמות ה'"**.

שטייענדיג אזוי אין די הייסע זומערדיגע היצן, ווען די כוחות פונעם סטרא אחרא טוען זיך אזוי שטארקן. – לערנט אונז דער הייליגער **אר"י ז"ל** (משנ"ח מס' תמוז ואב פ"א ופ"ב) אז די חדשים פון **תמוז** און **אב** זענען אנטקעגן די אויגן, און דעריבער איז יעצט דער פאסיגער צייט, בבחינת 'זֶה לְעֻמַּת זֶה' (קהלת ז, יד), צו מתקן זיין דער ענין פון **'שמירת העינים'**.

דעריבער לאמיר זיך שטארקן און אנגארטלען, צו קעמפפן מיט שטארקייט קעגן דעם יצר הרע וועלכער לאקערט אונז נאך, אינעם דור פרוץ ומזוהם פון עקבתא דמשיחא. ווען עס איז חוּצְפָּא יִסְגֵּא, און צום באדויערן איז דאס צניעות און די חומות הקדושה שטארק געפאלן. ווייל פונעם דור המבול ביז יעצט, איז נאך נישט געווען אזא שווערער דור פרוץ וואס עס טרעפט זיך אזעלכע שווערע און שרעקליכע נסיונות וועלכע טוען נאכיאגן אונזער נפש און נשמה, וועלנדיג איינשלינגען דאס גאנצע קדושה, רחמנא ליצלן, מבית ומחוץ, און עס האט שוין היינטיגע צייטן דערגרייכט ביזן מענטש אין קעשענע... דורך פארשידענע טמא'נע און קליינע מאשינען, און מיט נאך און נאך פארשידענע קליינטשיגע ערפינדונגען וואס דער סטרא אחרא טרעפט אויס **חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים**, וועלנדיג אריינברענגען אלע שמוץ און אומווערדיגקייט פון די גאנצע וועלט אין די הייליגע אידישע הערצער און מוחות, זאל אונז דער אויבערשטער ראטעווען מֵהֶם וּמֵהֲמוֹנָם, וואס אנשטאט אז דאס הארץ און מח זאל זיי א **הֵיכַל ה'**, א וואוינונג פאר די הייליגע שכינה, ווערן זיי גרויסע היכלות פון טומאה און קליפות!

אידישע קינדער זענען שוין אבער צוגעוואוינט פון לאנגע דורות, פון אונזערע עלטערן און זיידעס, קדושים און טהורים, וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען אויף **"מלחמת ה' – מלחמת היצר"**, מיט שמירת העינים און שמירת גדרי הקדושה, צו היטן אונז און אונזערע הייליגע קינדערלעך מיט א שְׁמִירָה מְעַלְּיָא, און דורכן אכטונג געב אויפן הייליגן מדת יסוד, וועלן מיר מצליח זיין בעזרת ה' אין אלע מִלְחֲמוֹת ה', **אמן**.

***

עס האט דערציילט הגה"צ **רבי משולם דוד סאלאווייטשיק זצ"ל**, ראש ישיבת **בריסק**, א געוואלדיגע מעשה וואס ער האט אליין מיטגעהאלטן.

אין די תקופה פון די וועלט־מלחמה, ווען די וועלט האט געטומלט און גערוישט, איז געווען א חשוב'ער בחור, וועלכער איז געווען א ירא אלקים און אפגעהיטן פון זינד, וואס אין די זעלבע צייט וואס אלעס ארום אים איז געווען צודרייט, איז ער געזעצן אין בית המדרש פארטיפט אין לערנען, און האט זיך אינגאנצן נישט וויסנדיג געמאכט פון דער פחד און מורא, אויך ווען מִחוּץ תְּשַׁכֶּל חֶרֶב וּמֵחֲדָרִים אֵימָה (דברים לב, כה), און **לָא פָּסִיק פּוּמֵיהּ מִגִּירְסָא**.

נאר איין פראגע האט אים געעגבערט אין קאפ: "מֵהֵיכָן יֶרֶק זֶה חַי"? – וויבאלד עס האט דעמאלטס געהערשט א הונגער, צוליב דער מאנגל אין עסן וואס האט זיך געשאפן צוליב די מלחמה, און האט געהאט א השפעה אויף מערסטנס טיילן פון די וועלט.

אבער אויך פאר אט דעם שווערן קשיא, האט אונזער בחור דער צדיק נישט צוגעלאזט אז עס זאל אים שטערן אינעם עבודת הקודש. ער האט זיך דערהויבן איבערן שווערן הונגער, און זיך געשטארקט איבער אלע שוועריגקייטן, און נישט פארלאזט דעם בית המדרש, נאר ווייטער אנגעגאנגען מיטן לערנען מיטן גאנצן כח. – פון זיין זייט איז עס געווען 'כאילו' עס איז **עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג**... עס איז נישטא קיין מלחמה!

איינער פון די אידן וועלכע פלעגט אפט קומען אין יענעם 'שטיבל', האט זייער רחמנות געהאט אויף דעם בחור, וועלכער איז געווארן שוואכער און שוואכער פון טאג צו טאג, נישט האבנדיג געהעריג צו עסן, איז צוגעגאנגען צו אים און אים געפרעגט:

- זאג נאר בחור'ל, ביסט נישט הונגעריג?

- זייער הונגעריג! – האט דער בחור אויסגעשריגן, פון זיין גרויס שוואכקייט.

- אויב אזוי, קום אהיים מיט מיר, און מ'וועט עסן אינאיינעם. אסאך האב איך נישט דיר צו דערלאנגען, אין אזעלכע שווערע צייטן, אבער איך האב גענוג דיר צו קענען זעטיגן און פארלייכטערן אויף דיר!

- עס טוט מיר לייד! האט דער בחור געענטפערט פארן הארציגן יונגערמאן, איך מוז דיר אבער ערקלערן, ז איך האב מיך אונטערגענומען פון יונגוויז אן, א שטארקע קבלה אין **שמירת עינים**, אז איך וועל נישט אריינגיין אין פרעמדע הייזער, וואו עס דרייען זיך פרויען און מיידלעך! דעריבער קען איך נישט קומען מיט דיר!

- דער איד איז דערציטערט און פארוואונדערט געווארן הערנדיג זיינע ווערטער: איז דען יעצט דער צייט צו פראווען פרומקייט? אויב דו וועסט נישט עסן, וועסטו חלילה אויסגיין פון הונגער!

- נישטא וואס צו רעדן! האט דער בחור שטרענג אפגע'פסק'נט. איך גיי נישט אריין אין קיין פרעמדע הויז, זאל זיין וואס זאל זיין!

- זיי נישט קיין שוטה! דו ווייסט דאך אז די שווערע מלחמה בושעוועט מיטן פולן קראפט, און קיינער וועט זיך נישט אומקוקן אויף דיר. ווער וועט דיר דען באזארגן א שטיקל ברויט? איך וועל הייסן מיין ווייב און מיינע טעכטער אז זיי זאלן זיך פארשטעקן אין א זייט ביז דו וועסט ענדיגן יעצט. און יעצט, פארזוים זיך נישט, ווייל ווער ווייסט צי אין עטליכע שעה ארום וועל איך נאך עפעס האבן דיר צו געבן!

צו זיין גרויס וואונדער, האט דער בחור נישט צוגעשטימט, און טראץ זיין גרויס שוואכקייט און שרעקליכע הונגער, האט ער געזאגט: איך דאנק דיר פון טיפן הארצן אויף דיין גוטהארציגקייט, אבער מיין גדר וועל איך נישט ברעכן! איך בין פארזיכערט אין די חסדים פון דער גרויסער באשעפער, אז ער וועט מיר נישט פארלאזן צוליב מיין חומרא, און ער וועט מיר שוין צושטעלן די עסן וואס איך דארף האבן"!

דער איד איז זיך געגאנגען זיין וועג, און דער בחור איז געבליבן אין בית המדרש הונגעריג.

עס איז אבער נישט דורכגעגאנגען מער קיין סאך צייט – דערציילט ווייטער בי דוד זצ"ל, וועלכער האט דאס אלעס מיטגעהאלטן פונדערזייט, שטילערהייט – און דער איד איז צוריקגעקומען אין בית המדרש מיט א טאץ אין האנט, און דערויף איז געלעגן דער גאנצער מאלצייט, צו וועלכער ער האט געוואלט לאדענען דער בחור צו קומען עסן ביי אים אינדערהיים.

- וואס איז געשען? האט דער בחור געפרעגט, ערשטוינט. נישט לאנג צוריק ביסטו דאך אוועקגעגאנגען פון דא, מיט א קלארע באשלוס אז דו לאזט מיר דא איבער, ווייטער הונגערן, אויב איך קום נישט אהיים צו דיר עסן?!

- איך האב חרטה געהאט! האט דער איד געענטפערט. איך האב פשוט רחמנות געהאט אויף דיר, טראכטנדיג אז דער בטחון וואס דו טוסט זיך פארזיכערן אין השי"ת, איז אבער נאכנישט קיין עסן און טרינקען פאר דיין אפגעשוואכטן קערפער, איז נעם דיר דא דיין מאלצייט, עס געזונטערהייט און קרעפטיג זיך! [ער האט אבער נישט גענומען אין אכט, אז דווקא דער **בטחון** וואס דער **בוטח** האט זיך פארזיכערט אין השי"ת דאס האט צוגעברענגט אז דער איד זאל זיך איבערטראכטן און יא ברענגען די עסן צום בית המדרש...].

המשך אין עמוד ד'

>>> | טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

**איבערדעם זאגט עדות דער נְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל אין זיינע געזאנגען** (לד, ט-יא): **"טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר יֶחֱסֶה בּוֹ. יְראוּ אֶת ה' קְדֹשָׁיו, כִּי אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו. כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ, וְדֹרְשֵׁי ה' לֹא יַחְסְרוּ כָל טוֹב"!**

***

אסאך מענטשן פרעגן און ווילן וויסן: וויאזוי קען מען זוכה זיין צו **עֲשִׁירוּת?**

זיי ווייסן אבער נישט אז דאס שטייט קלאר ארויסגעשריבן אין אסאך הייליגע ספרים, אז **'שמירת הברית'** איז די בעסטע סגולה פאר **עשירות!**

אזוי ווי עס ווערט קלאר אנטפלעקט אין **תיקוני הזוהר הקדוש** (תיקון ט"ו דף ל:) אז דער סוד דערפון איז, אז יעדער איינער וועלכער ברעקלט ברעקלעך, טוט דאס ארימקייט אים נאכלויפן ח"ו, נאר מען זאל זייער שטארק אכטונג געבן, און זיי נישט אוועקווארפן דארט וואו מען טאר נישט, זע דארט.

די מדה פון **יוסף הצדיק** איז **מדת היסוד,** און דעריבער האט ער זוכה געווען צו גרויס רייכקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וַיִּצְבֹּר יוֹסֵף בָּר כְּחוֹל הַיָּם" (בראשית מא, מט), און אלע געלט פון אלע עקן וועלט איז אנגעקומען צו אים אין די הונגער-יאָרן.

**יעדער גדר וואס א מענטש איז זיך מגדיר, אפילו א קליין קבלה, זיך צו אכטונג געבן מיט קדושה און צניעות, עפנט ער דערמיט דעם צינור פון עשירות לפרנסה טובה ולכלכלה! – אזוי אויך פארקערט חלילה, ביי יעדן קליין פירצה דערין, ברענגט דער מענטש אויף זיך דאס פארקערטע פון רייכקייט, רחמנא ליצלן.**

***

די רואיגע בלויע כוואליעס פונעם שטילן וואסער, האט באהאלטן אונטער זיך א גאנצע לעבעדיגע וועלט וואס האט זיך אפגעטון אונטער די וואסערן... די וועלט פון די פילע טויזנטער און צענדליגער טויזנטער פיש.

די קליינע פישלעך האבן געשפרינגען ארויף און אראפ מיט פרייד, ווען פון צייט צו צייט האבן זיי געגעבן א שפרינג ארויף ביז אויבן, צום וואסערפלאך [פְּנֵי הַמָּיִם], וועלנדיג כאפן א בליק וואס עס טוט זיך אינדרויסן, און גלייך צוריק אריינגעשווימען אין די טיפענישן פונעם וואסער...

דארט אונטן, טיף אינעם ים, באגעגענען זיי א גרויסן ערוואקסענעם פיש, ווי עס זעט אויס איז ער נאך פונעם פריערדיגן דור פון די פיש... וועלכער איז נישט צו אָפט ארויפגעגאנגען אויבן פונעם וואסער, נאר האט געשמאק געשווימען ביים אונטערשטן טייל פון די וואסער.

די קליינע און לעבעדיגע פישלעך, האבן זיך געווענדן צום אלטן פיש, און אים געפרעגט:

"פארוואס קומסטו נישט ארויף מיט אונז, שעפן אביסל פרישע לופט? דו ווייסט נישט וואספארא שיינע און הערליכע וועלט דו דערלייגסט דארט, אינעם הערליכן פאנאראמע וואס מען קען דארט זען! די גאלדענע זון שיינט און דערווארימט, און פראכטפולע שיפן שווימען דארט פון איין קאנטינענט [יבשה] צום אנדערן! אויך יאכטעס און קליינע שיפלעך פארן דורך צומאל, און פון צייט צו צייט טוען זיי אויסשפרייטן גוטע עסן, וועלכע פיש האבן זייער ליב! אפשר קומסטו מיט אונז, און וועסט אליין זען און שפירן די גליק"!

האט זיי דער קלוגער פיש געענטפערט, ערקלערנדיג אביסל פון זיין קוק-ווינקל: דארט אויבן איבערן וואסער, איז אלעס אפן! די פילע פישכאפער וועלכע דרייען זיך דארט, קענען גוט דעם נאטור פון די יונגע פישלעך, וועלכע האבן ליב צו שפאצירן און ארויפגיין אויבן נעבן דעם ברעג... און שפרייטן אויס פאר זיי פילע נעצן ביי די זייטן, כדי צו פאנגען תמימות'דיגע פישלעך... – די גוטע עסן, וואס איר האט אזוי ליב, איז נישט עפעס אנדערש ווי א **פאסטקע** [מלכודת]! די פישכאפער שפרייטן אויס מערערע שטיקלעך געשמאקע עסן ארום דעם שיף, כדי אלע פיש זאלן זיך דערנענטערן צו זייער שיפל, און דעמאלטס געבן זיי פלוצלונג א ווארף אריין אין ים א ריזיגן **נעץ,** און אט זענען אלע פיש פארכאפט געווארן אינעם נעץ!

צומאל טוען זיי עפעס אנדערש, זעצט פאר דער עלטערער פיש מיט פלאמעדיגע ווערטער פאר די יונגע פישלעך, לייגן די פישכאפער אריין ביים ברעג פון די שטיקלעך עסן, א קליינטשיג 'נאדל', וועלכע איז באהאפטן צום נעץ וואס דער פישכאפער האלט אין האנט, און ווי נאר דער פישל דערנענטערט זיך צו 'כאפן' די געשמאקע עסן, ווערט גלייך דער צונג פונעם פישל פארכאפט אינעם נעץ, און ער ווערט תיכף געפאנגען, און ארויפגעשלעפט אויבן צום ברעג...

דעריבער איז מיר בעסער צו בלייבן דא אונטן אין די טיפענישן פון ים, ווייט פון די פילע סכנות וואס לאקערן איבער מיר דארט אויבן... – האט דער קלוגער פיש אויסגעפירט זיין 'דרשה'.

די 'חברה' יונגע פישלעך האבן טאקע געהערט, אבער האבן נישט אנגענומען זיינע ווערטער... **נישטא וואס מורא צו האבן!** האבן זיי הויך אויסגעשריגן. דאס איז א גרויסער און ברייטער ים, און מען קען זיך גרינג אכטונג געבן פון אלע פישכאפער! מיר האבן א שליטה איבערן מצב, און מיר וועלן אכטונג געבן זיך צו היטן פון יעדן געפאר!

די פישלעך האבן זיך גלייך ארויסגעלאזט אויבן פונעם וואסער, וואו זיי האבן באגעגנט נייע שפילעוודיגע 'חברה', פול מיט לעבהאפט, און אלע טאנצן אינאיינעם אין א ריזיגן זאק, פול מיט געשמאקע שטיקלעך ברויט און זיסע וואסער... גאנץ שנעל האבן זיי אבער געכאפט, אז דאס איז גארנישט א באַ'טעמ'טע זאק, נאר א שטארקע און קלוגע נעץ פון ערפארענע פישכאפער, וועלכע האבן לייכטערהייט געפאנגען פילע און שיינע פיש!

אוי, ווי גערעכט איז דער קלוגער פיש געווען, רעדנדיג צו אונז דארט אונטן! – האבן זיי געזאגט איינער צום אנדערן, אין די לעצטע סעקונדעס פון זייער לעבן, עס איז אבער געווען צי שפעט...

***

**דער נמשל שרייט פון זיך אליין!** – מיר געפינען זיך טיף באהאלטן אינעם **אָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה,** אפגעהיטן און באשיצט **בגוף ובנפש** פון אלע שאדנס און פגעים פונדרויסן.

נישט איינמאל, קומט דער יצר הרע אין געשטאלט פון א **שלעכטער חבר,** חלילה, אדער דורך אנדערע וועגן פון איינרעדן, און לאדנט אונז איין, מיט גרויס הארציגקייט, אז מיר זאלן מיטקומען מיט אים אויף א **געשמאקער שפאציר** איבער די גאסן, וואו מען קען זען אזעלכע שיינע זאכן...

אבער גאנץ שנעל טרעפט זיך דער מענטש, ווי ער איז געפאנגען אין א שרעקליכער נעץ, ווען די הייליגע **דעת און שכל** ווערט פול מיט צומישעניש און פרעמדע געדאנקען... דער נפש ווערט פול מיט דרוק און דראַנג [דחף] פון נאכיאגן איין תאוה נאכן אנדערן, פון וואס ווערט קיינמאל געזעטיגט... מען טרעפט זיך אין א ספק און צומישעניש **בֵּין אוֹר לְחֹשֶׁךְ...** און דער גאנצער מציאות פונעם מענטש הייבט אן וואקלען צווישן א פנימיות'דיגע לעבן, פול מיט שמחה און דעת, צו א חיצוניות'דיגע לעבן, פול מיט חשכות און תֹהוּ וָבֹהוּ!

ראטעווע זיך באצייטנס! אנטלויף אריין אינעווייניג, אזוי ווי ישעיה הנביא זאגט אין נאמען פונעם אויבערשטן (כו, כ): "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ, וּסְגֹר דְּלָתְךָ!" – און דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו ווערן אויסגעקריצט מיט גאלדענע אותיות אינעם הימלישן ספר, וועלכער איז אפן פארן כסא הכבוד, דאס איז דער "סֵפֶר מִלְחֲמוֹת ה' – מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר"!




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173